אז דאס איז ניט קיין הוראה לרבים, און אין סידור זאל מען דרוקן-אז מען איז מסיים יגדיל תורה ויאדיר, בלי חילוק דשנה פשוטה או מעוברת. און דערפאר האט מען געזאגט די הפטרה ביז ואחרי לא יהי'.

אין דער הוספה וואס נאך יגדיל תורה ויאדיר איז דאך פאראן דער געשמאקער ענין פון אומר לצפון תני ולתימן אל תכלאי וגו', וואס ער רעדט דא וועגן דעם קיבוץ גליות פון כל הד' רוחות וואס עס וועט זיין בביאת משיח צדקנו בקרוב. און ווי גערעדט שוין אמאל, אז אויף צפון איז דא אן ענין מיוחד, אומר לצפון תני, ניט ווי אין אנדערע ערטער וואס אידן וועלן קומען פון זיך אליין נאר "תני" אז צפון אליין וועט עס געבן. איז יה"ר אז דאס זאל זיין בחסד וברחמים ובקרוב ממש, בביאת משיח צדקנו כו'

ד. די התחלה פון תורה הייבט זיך אן מיט א בי"ת. איז ידוע אין דעם די קשיא, פארוואס הייבט זיך אן תורה מיט א בי"ת און ניט מיט אן אל"ף, וואס בכלל אין וועלט איז דאך מיט א סדר. ובפרט תורה וואס זי איז די פנימיות און כוונה פון וועלט

- ווארום די התהוות איז דאך בשביל התורה כו', און דאס אז תורה איז די פנימיות פון וועלט איז (ניט נאר אז זי איז די כוונה, נאר אזוי איז) ארויס אויך בגילוי, אז די התהוות איז געווען דורך תורה, כמרז"ל דפתדאות ופנקסאות כו' אסתכל באורייתא וברא עלמא, אז דער אויבערשטער האט זיך מסתכל געווען כביכול אין דעם וואס עס שטייט אין תורה יהי אור, האט ער געזאגט יהי אור, און דורך דעם איז ויהי אור, און די זעלבע זאך איז בנוגע לשארי המאמרות שבהם נברא העולם -

איז דאך אודאי מיט א סדר. איז ווי הייבט זיך אן תורה מיט א בי"ת, וואו איז דער אל"ף?

ובפרט לפי המבואר בשער היחוד והאמונה בענין בדבר הוי' שמים נעשו, אז די התהוות הנבראים איז פון די אותיות שענינם גילויים, וואס דאס איז דער טייטש פון ווארט אותיות כפשוטו מלשון אתא בוקר. הייגט וויבאלד אז סדר האותיות - הגילויים - איז פריער אל"ף און דערנאך בי"ת, ד.ה. אז דער גילוי פון בחי' בי"ת קומט נאך דעם גילוי פון בחי' אל"ף, הייגט ווי איז שייך אנהייבן מיט א בי"ת, צום ערשטן מוז דאך זיין דער אל"ף?

נאך שטארקער ווערט די קשיא עפ"י המבואר בסידור שער התקיעות, אז בכדי עס זאל זיין די המשכה אין אותיות הדיבור וואס פון זיי איז באשאפן געווארן עלמין דאתגליין, און אזוי אויך בכדי עס זאל זיין די המשכה אין אותיות המחשבה וואס פון זיי איז באשאפן געווארן עלמין סתימין דלא אתגליין, איז וויבאלד אז אותיות זיינען א ציור און דער קול מצד עצמו איז א קול פשוט, מוז זיין א ממוצע צווישן זיי, און דער ממוצע איז אות אל"ף, וואס פריער ווערט נמשך דער קול הפשוט בבחי' אות אל"ף און דאן דוקא קען ער נמשך ווערן בציור אותיות כו'. ד.ה. אז אין אות אל"ף זיינען פאראן צוויי ענינים - וואס אזוי ווי כל עניני התורה זיינען בדרך כלל ופרט, אזוי איז אין אות אל"ף פאראן צוויי ענינים - ווי ער איז א ממוצע בין קול הפשוט לציור אותיות, און ווי ער איז איינער פון די אותיות. וואס מצד דעם איז דאך נאך מער מובן ווי עס קען זיך ניט אנהייבן קיין גילוי פון א בי"ת איידער ס'איז דא אן אל"ף, ווארום לבד זאת וואס בענין הגילויים דאותיות עצמם מוז דאך פריער זיין דער גילוי דבחי' אל"ף און דערנאך דער גילוי דבחי' בי"ת,

לבד זאת



הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ה א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 58 הודפס ע"י א

לבד זאת, איז די ערשטע זאך מוז דאך זיין דער ענין הממוצע שבאות אל"ף, וואס דוקא לאחרי זה קען זיין כללות ענין האותיות.

ה. ס'איז פאראן כמה תירוצים אויף דעם וואס תורה הייבט זיך אן מיט א בי"ת, זיי דארפן אבער האבן א ביאור. צוויען די תירוצים איז:

א) די וועלט איז באשאפן געווארן באופן וואס נאר ג' רוחות זיינען סתומות וגדורות, און רוח צפונית איז פתוחה. און דער טעם אויף דעם שטייט, סאמער וועט קומען איינער און זאגן אז בריאת העולם איז קיין פלא ניט, ער איז אויך א קונצן מאכער - וועט מען אים ענטפערן, אדרבה, ס'איז פארבליבן רוח צפונית וואס זי דארף האבן א תיקון זאל ער עס פארענדיקן. און דעריבער הייבט זיך אן די תורה מיט א בי"ת ווייל אויך תמונת אות בי"ת איז סתומה מג' רוחותי' ורוח צפונית פתוחה.

אוצר החכמה

דער תירוץ איז אבער ניט פארשטאנדיק: די וועלט איז באשאפן געווארן פון תורה וכנ"ל אז אסתכל באורייתא וברא עלמא. ומובן, אז וועלט דארף זיין צוגעפאסט צו תורה און ניט להיפך ח"ו, אז תורה זאל זיין צוגעפאסט צו וועלט.

און ווי כ"ק מו"ח אדמו"ר איז מאריך בפירוש "תורת חיים", אז תורה שאפט לעבן. ניט ווי אלע חוקים וואס זיי זיינען גענומען געוואר פון לעבן, נאר אדרבה, תורה שאפט דעם לעבן.

ובמילא, איז אויב דער סדר ווי עס דארף זיין אין תורה מצד עצמה, האט די תורה געדארפט זיך אנהייבן מיט אן אל"ף, האט דאך ניט קיין אדם צו זאגן, אז מצד דעם וואס וועלט איז פתוחה מרוח צפונית, דעריבער זאל תורה אנהייבן זיך מיט א בי"ת; ס'איז דאך ניט שייך אז וועלט זאל מכריח זיין תורה אז דער סדר פון תורה זאל זיין ניט כפי ענינה מצד עצמה.

ב) אין ירושלמי (חגיגה פ"ב ה"א) שטייט, אז אזוי ווי אל"ף איז ר"ת ארור און בי"ת ר"ת ברכה, דעריבער הייבט זיך ניט אן די תורה מיט אן אל"ף נאר מיט א בי"ת.

דער תירוץ איז אבער אויך ניט מובן: מען געפינט דאך כמה וכמה ענינים של ברכה וואס הייבן זיך אן מיט אן אל"ף, און אזוי אויך להיפך, כמה וכמה ענינים של היפך הברכה וואס הייבן זיך אן מיט א בי"ת?

ג) ס'איז פאראן א תירוץ וואס עס שטייט אין קבלה און חסידות אז אזוי ווי די תורה וואס מיר האבן איז עס תורה כמו שבמשכה בבי"ע, ניט ווי זי איז מצד עצמה באצילות, וכידוע פירוש ועל תורתך שלמדתנו (שאומרים בברהמ"ז) - ועל תורתך באצילות שלמדתנו בבריאה (וואס פון בריאה קומט עס שוין אויך אין יצירה ועשי'), דעריבער הייבט זיך אן די תורה מיט א בי"ת, להורות, אז די תורה וואס מיר לערנען איז שוין א צווייטע מדריגה בתורה. דער אל"ף פון תורה - די ערשטע מדריגה שבתורה - איז תורה דאצילות, תורתך, און ביי אונז איז דער בי"ת פון תורה.

ס'איז דאך אבער ניט מובן: מיר זאגן דאך ונתן לנו את תורתו, אז דער אויבערשטער האט אונז אפגעגעבן את תורתו, זיין תורה, די זעלבע תורה ווי זי איז ביי אים - תורתך - האט ער אונז אוועקגעגעבן דא למטה, ומובן, אז דער זעלבער סדר וואס אין תורה שלמטה איז אויך אין תורה שבאצילות, אז אויך תורה שבאצילות הייבט זיך אן מיט בראשית בדא - א בי"ת. און ניט נאר תורה שבאצילות, נאר אויך למעלה מאצילות,

וואו



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ה א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 59 הודפס ע"י אוצ

וואָס ס'איז נאָר דאָ בחי' צירוף אותיות, הייבט זיך אָן מיט א בי"ת. און דאַרט איז דאָך ניט שייך צו זאָגן אַז דאָס איז די צווייטע מדריגה, האָט זיך דאָך די תורה שלמעלה געדאַרפט אָנהויבן מיט אַן אל"ף?

נוסף לכל זה איז א פלא גדול ביותר, נאָך מכל ביאורים הנ"ל קומט דאָך אויס אַז תורה מוז זיך אָנהויבן מיט א בי"ת דוקא און זי קען זיך ניט אנהויבן מיט אַן אל"ף, און מיר געפינען דאָך אַז תורה הייבט זיך יאָ אָן מיט אַן אל"ף. וואָרום עס דערציילט זיך אין גמרא, אַז תלמי המלך האָט גענומען צווייע און זיבעציק זקנים, יעדער איינעם אין א באַזונדער צימער, און דערנאָך האָט מען זיי געזאָגט זיי זאָלן איבערזעצן די תורה. און די גמרא דערציילט זייער גדלות, ווי אַלע האָבן מכוון געווען די זעלבע זאַך, און אויך אַז בכמה מקומות האָבן זיי משנה געווען מהכתוב, ומהם, אַז זיי האָבן איבערגעזעצט (באופן ווי עס וואָלט געשטאַנען) אלקים ברא בראשית. היינט וויבאַלד אַז מלמעלה האָט מען זיי אַריינגעגעבן א דיעה צו איבערזעצן (ווי עס וואָלט געשטאַנען) אלקים ברא בראשית, וואָס דאָס הייבט זיך דאָך אָן מיט אַן אל"ף, זעט מען דאָך אַז ס'איז דאָ אַן אופן (בדיעה שלמעלה) אַז תורה זאָל זיך אנהויבן מיט אַן אל"ף?

ו. וועט מען עס פאַרשטיין בהקדים משנת"ל, וואָס דער רבי האָט מבאר געווען באריכות און מדגיש געווען כמה פעמים, אַז די התחלה הייבט זיך אָן ניט פון לימוד התורה בהבנה והשגה נאָר פון ענין השמחה והריקודים ברגלים, וואָס דאָס נעמט דעם עצם פון תורה שלמעלה מהשגה, און דוקא נאָך דעם קען קומען דער לימוד התורה בהשגה.

ענין הנ"ל איז, ווי יעדער ענין פון חסידות, מרומז אויך אין נגלה דתורה: די גמרא זאָגט על פסוק על מה אבדה הארץ על עזבם את תורתי, על שלא ברכו בתורה תחלה. ד.ה. אַז דאָס וואָס דער פסוק זאָגט על עזבם את תורתי מיינט עס ניט אַז זיי האָבן ניט געלערנט קיין תורה, ניין, תורה האָבן זיי געלערנט, און א סאַך געלערנט, נאָר וואָרען - דער גאַנצער לימוד איז געווען נאָר בהבנה והשגה, און עס האָט זיך ניט געהערט דער אלקות שבתורה. וואָס דאָס מיינט עזבם את תורתי, מיין תורה, עס האָט זיך ניט געהערט אַז ס'איז דעם אויבערשטנס תורה.

און מצד דעם וואָס „עזבו את תורתי" איז „אבדה הארץ". „ארץ" איז בחינת מלכות, כח המעשה, און דורך וואָס באַוואָרנט מען דעם „ארץ", ניט דורך השגת התורה נאָר דורך תורתי דוקא. וואָס פון דעם איז מובן אויך לאידך גיסא, אַז דורך וואָס נעמט מען תורתי, דעם עצם פון תורה, דורך כח המעשה דוקא. וכנ"ל, אַז דורך די ריקודים בכח המעשה שברגלים נעמט מען דעם עצם פון תורה. און נאָך דעם וואָס מען נעמט דעם עצם התורה בשמח"ת ע"י הריקודים, הייבט זיך אָן דער לימוד התורה בהבנה והשגה במשך כל השנה, אנהויבנדיק פון בראשית.

און דאָס איז דער פשט וואָס תורה הייבט זיך אָן מיט א בי"ת, ווייל דער לימוד התורה בהבנה והשגה איז די צווייטע זאַך. די ערשטע זאַך איז די איבערגעגעבנקייט צו תורה, צום עצם פון תורה, למעלה מהשכל. וכדאי' בגמרא שם: ברכו בתורה תחלה, אַז פריער דאַרף זיין דער ברכו בתורה, וואָס דאָס איז דער ענין פון חביבות התורה - כמבואר ברבינו יונה ובב"ח (געדרוקט אין דעם נגלה'דיקן טור און ס'איז פול מיט קבלה און חסידות) באריכות - שלמעלה מהשכל, אָבער בשעת ס'איז דאָ פריער דער „ברכו בתורה" למעלה מהשכל, באַוואָרנט עס, אַז אויך דער לימוד בהשגה זאָל זיין ווי עס דאַרף צו זיין, אין אַן אופן פון זכה נעשית לו סם חיים.

און דאָס



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ה א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 60 הודפס ע"י אוצ

און דאס איז אויך וואס דער בי"ת פון תורה מורה על בחי' התורה כמו שהיא בבריאה כנ"ל, וואס דאס קומט נאך דעם ענין פון תורתך שבאצילות, למעלה מהשגה (חסר קצת).

דער חילוק פון אצילות ביז בריאה איז, אז אין אצילות איז אלקות בפשיטות און מציאות בהתחדשות. אויף אלקות דארף מען ניט קיין ראיות והסברים; דאס איז בפשיטות, און אז ס'איז דא א „מציאות" דארף מען האבן כמה ראיות והוכחות. משא"כ בבריאה איז להיפך: מציאות איז בפשיטות ואלקות בהתחדשות, דער ענין פון „מציאות" איז א דבר הפשוט און אויף אלקות דארף מען האבן כמה ראיות. ביז אז אויף בריאה שטייט „ומשם יפרד", אז ס'איז שוין התחלת הפירוד, ביז אז מצד בריאה איז דא א בחינת מקום ליניקת החיצונים.

און דאס מיינט אז דער בי"ת פון בראשית מורה על בריאה, אז בשעת אז דאס – לימוד התורה בהבנה והשגה – איז ביי אים די התחלה, דאס איז ביי אים דער אל"ף, איז עס אן ענין פון „ומשם יפרד" וישנו מזה יניקה כו', און דאן איז עס אן ענין פון אל"ף ר"ת ארור, ווארום דער לימוד קען זיין באופן דלא זכה,

משא"כ בשעת אז דער לימוד בראשית ברא, היינו הלימוד בהבנה והשגה, איז ביי אים א בי"ת, די צווייטע זאך, ווייל עס קומט נאך די הקדמה פון ברכו בתורה תחלה, דעמאלט איז אויך די הבנה והשגה אן ענין שכולו ברכה וטוב. דאעפ"י אז דאס איז תורה ווי ס'איז נמשך אין וועלט (שלמדתנו בבריאה), איז אבער אויך אין די הגבלות פון וועלט הערט זי אלקות, וע"ד שזדונות נהפכים לזכיות.

וואס דאס איז דער אויפטו פון ברכו בתורה תחלה, אז דאס גיט א בחינת כח אז אויך אין השגת התורה זאל זיך הערן דער עצם פון תגבה דזהז"ע בי"ת ר"ת ברכה, דברכה הו"ע הגילוי, אז עס זאל ניט פארבלייב אין שרש נאר עס זאל אראפקומען בגילוי (וכמבואר בתו"א הטעם על זה שאין מברכין על תש"ד, ווייל מען קען עס ניט ממשיך זיין בגילוי), אז דער ברכו בתורה תחלה זאל קומען בגילוי אויך אין השגת התורה.

ועפ"ז מובן, אז די אלע דריי טעמים שהובאו לעיל, זיינען ניט קיין באזונדערע פירושים דמר אמר חדא ומר אמר חדא, נאר – אזוי ווי אלע מאל בשעת ס'איז פאראן כמה פירושים אויף איין ענין – זיי זיינען אלע פארבונדן, אלע פירושים איז יסודתם בהררי קודש, אין דעם ענין וואס עצם התורה איז למעלה מהשגה. נאר איין פירוש רעדט וועגן תורה עצמה, איין פירוש וועגן עבודת האדם (בלימוד התורה) און איין פירוש רעדט וועגן סדר הנהגת העולם.

ז. עפ"י הנ"ל וועט מען אויך פארשטיין דעם טעם פון דעם וואס בשעת מען האט איבערגעזעצט די תורה לתלמי המלך, האט מען עס איבער-געזעצט אויף אזא אופן וואס תורה הייבט זיך אן מיט אן אל"ף דוקא. ווייל כל הנ"ל, אז לימוד בהבנה והשגה איז די צווייטע זאך, איז עס דוקא ביי אידן, משא"כ ביי או"ה.

דהנה ארז"ל עכו"ם שלמד תורה הרי הוא ככהן גדול. און די גמר פרעגט אויף דעם פון דעם דין וואס א גוי טאר ניט לערנען קיין תורה ועכו"ם שלמד תורה חייב מיתה – וואס דאס לערנט מען דאך אפ ממ"ש תורה צוה לנו משה מורשה, וואס אין דעם ווארט מורשה זיינען דא צוויי פירושים: לשון ירושה ולשון אירוסין, און לויט ביידע פירושים טאר ני א גוי לערנען תורה, מצד גזל צי מצד גילוי עריות – און די גמרא

ענטפערי



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ה א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 61 הודפס ע"י אוצ

ענטפערט, בשבע מצות דידהו. אז לימוד התורה מצד ענין התורה, טאר ניט טאקע א גוי, משא"כ בשעת ער לערנט וואס איז אים נוגע צו וויסן ווי צו מקיים זיין זיינע שבע מצות, דאס מעג ער, ביז מען זאגט אויף דעם, שהוא כבה"ג.

וויבאלד אז דער גאנצער לימוד שבאו"ה איז נאר בכדי לדעת את המעשה אשר יעשון, איז דאך מובן, אז ביי זיי איז דא נאר דער ענין ההבנה והשגה, אבער ניט עצם התורה שלמעלה מהשגה, וואס עס קומט דורכן ברכו בתורה תחלה, חביבות התורה שלמעלה מהשגה. ביי אידן, איז די ערשטע זאך קומט חביבות התורה כנ"ל, והו"ע המשכת א"ס בתורה, אבער ביי או"ה להבדיל איז דאס ניט שייך; ווי קומט א גוי צו המשכת א"ס. און כל ענין הלימוד שלהם איז נאר בכדי לידע את המעשה, און דער לימוד וואס ניט בהשגה, ענין ברכו בתורה, זויבאלד אז עס ברייינגט ניט צום לידע את המעשה, טאר ניט זיין ביי זיי, ווארום וויבאלד אז ס'איד ניט נוגע צו שבע מצות דידהו בלייבט דאך דאס שוין תורה מצד עצמה, און אויף דעם ענין בתורה זיינען זיי דאך מוזהר ניט צו לערנען.

און דעריבער איז בשעת מען האט איבערגעזעצט די תורה לתלמי המלך, וואס מען האט עס איבערגעזעצט באופן ווי תורה איז שייך לבני נח

– ווארום מצד ולבני עור לא תתן מכשול איז מען דאך מצווה אויף ניט מכשיל זיין א גוי מיט אן איסור, און וויבאלד אז או"ה זיינען מוזהר אויף לימוד התורה וואס איז ניט נוגע לשבע מצות דידהו, מוז מען דאך זאגן אז מען האט איבערגעזעצט די תורה פאר אים באופן השייך לבני נח, וואס דאס איז נאר הבנה והשגה דתורה –

האט מען עס איבערגעזעצט (ווי עס וואלט געשטאנען) אלקים ברא בראשית, אז ס'הייבט זיך אן מיט אן אל"ף, ווייל ביי או"ה איז הבנה והשגה ניט קיין צווייטע זאך, נאר דאס איז ביי זיי די ערשטע זאך, דאס איז זייער אל"ף.

ח. (צוה לנגן, ואמר המאמר ד"ה בראשית ברא).

ט. אויף ויכולו השמים והארץ וכל צבאם, זאגט די גמרא כל האומר ויכולו נעשה שותף להקב"ה במעשה בראשית. דארף מען פארשטיין:

א) ווי געפעדט שוין מערערע מאל איז אמיתית ענין השותפות מיינט, אז ניט איין שותף האט איין חלק און דער צווייטער שותף א צווייטן חלק, נאר כל נקודה ונקודה געהערט צוביידן. ס'איז ניטא קיין איין נקודה אין דער זאך אין וועלכע עס קומען זיך ניט צוזאמען ביידע שותפים. פון דעם איז מובן, אז אויך די שותפות פון דעם וואס זאגט ויכולו מיטן אויבערשטן, איז וויבאלד אז די גמרא רופט עס אן מיטן נאמען שותפות סתם און די גמרא איז גארניט שולל, איז דאס ווי שותפות אומעטום, אז בכל נקודה ונקודה פון מעשה בראשית איז דער איד וואס זאגט ויכולו א גלייכער שותף מיטן אויבערשטן. איז דאך ניט מובן, היתכן, ווי קען מען עס זאגן?

ב) וויבאלד אז כל האומר ויכולו נעשה שותף, איז דאך אלע אידן וואס זאגן ויכולו (ווארום בסופטני לא עסקינן) ווערן זיי שותפים. ובמילא, איז דאך די שותפות פון יעדער איינעם ניט בלויז מיטן אויבערשטן נאר אויך מיט נאך ששים רבוא אידן. און פון לשון רז"ל נעשה שותף להקב"ה איז משמע אז ס'איז א שותפות נאר פון אים מיטן אויבערשטן. ווארום אויב דאס וואלט געמיינט א שותפות פון אלע אידן וואס זאגן ויכולו מיטן אויבערשטן, האט געדארפט שטיין כל האומרים ויכולו נעשים שותפים כו' און ניט האומר כו' שותף כו' לשון יחיד?



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשכ"ה א שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 62 הודפס ע"י או